נישט אין דער וועלט פֿאַרשטיין אַזוי ווי ישעיה הנביא האָט נאָך אין זײַנע צײַטן איבער אונדז געשריגן [11] ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע עמי לא התבונן * [12]. נישט קשה, מײַנע ליבע שוועסטער און ברידער פֿון דער גאַנצער וועלט, עס הערט דאָ אונדז קיינער נישט נאָר מיר אַליין. דעם אמת האָט גאָט ליב, מעג איך אַ ביסל וואָרהייט אײַך אין פּנים אַרײַן זאָגן. אונדזער וועלט איז זייער גענאַרט. די גרעסטע אחפּרושים[!] און די שלעכטסטע מענטשן פֿאַרשווינדלען די וועלט און רעדן איר אײַן, אַז זיי זענען גוט און פֿרום. דאָס איז דאָס אַרגסטע פֿון דער וועלט, וואָרן אַזוי באַלד איינער פֿאַרשטעקט זיך נאָר אונטער דעם דעקטוך פֿון פֿרומקייט מעג ער שוין זײַן כל בו, מעג ער שוין טון וואָס ער וויל, און דער עולם איז נאָך אַלץ מלמד זכות אויף אים. און איך האַלט עס מיר פֿאַר אַ מצוה אַזעלכע מענטשן אָפּצורײַסן דאָס דעקטוך מיט געוואַלד, אַראָפּצושלעפּן זייערע מישקאַרעס [13] און זיי דער וועלט אַזוי פֿאָרצושטעלן אַזוי ווי זיי זענען טאַקע באמת. איבער דעם הייסט דאָס ביכל די גענאַרטע וועלט, ווײַל איך עפֿן אײַך ערשט אײַערע אויגן און איך וויל אײַך היילן פֿון אײַער קראַנקהייט, פֿון דער בלינדער שטאַר.

ג) רינען מיר מײַנע טרערן ריקעסווייז אויס מײַנע אויגן אויף דעם וואָס איך מוז אַליין צוזען און הערן, אַז בײַ אונדזער פֿאָלק ישראל, פֿון דעם העכסטן ביז דעם קלענסטן, האָט מען פֿײַנט אַלע חכמים מיט זייערע חכמות און מען שעמט זיך מיט אַלע בעלי מלאכות. איין שטייגער פּרנסה האָבן זיי זיך אָפּגעקליבן. נאָר דעם האַנדל און וואַנדל. ווו זיי קערן און ווענדן זיך איז זייער כּוונה נאָר גרינג געלט צו דערטאַפּן, שפּעקאַלירן[!] נאָר אוצרות צו זאַמלען, מיט זייער גרייס אויפֿצושנײַדן [...] [14], חן צו מאַכן מיט זייער עשירות און אָנצודרייען [15] מיט גאוה. און ווײַטער גייט זיי גאָרנישט אָן, נאָר לאַכן און שפּעטן זיך אויס אַלע חכמים, רעכטן אָפּ [16] פֿון דעם שענסטן בעל מלאכה. נאָך נאַרישער איז אַז זיי רעדן זיך אײַן, אַז עס מוז תּמיד גלײַך זײַן און עס איז מעגלעך נאָך זייער אײַנבילדעניש אייביק נגידים צו זײַן. דורך דעם וואָס זיי זענען זיך נעבעך טועה זענען מיר כּמעט אין אַלע שטעט, אַז מענטשן דערוועגן זיך איינער בײַם אַנדערן, ווידער דער תּורה און ווידער דעם שׂכל, די פּרנסה אויס דעם מויל אַרויסצורײַסן. איינער נעמט בײַם אַנדערן די פּרנסה מיט געוואַלד אַוועק. דורך דעם וואַקסט אַרויס צווישן זיי די גרעסטע קנאה שׂנאה און טראַכטן איינער זאָל דעם אַנדערן צו גרונד ברענגען. און דער אמת איז, אַז מיר זעען איבער דער מידה גרועה גאַנצע הײַזער, גאַנצע משפּ[ח]ות [17] און די גרעסטע לײַט וואָס זענען ערשט נישט לאַנג גאַנץ גרויס געווען גאָר צו גרונד געגאַנגען, אַזוי אַז זיי האָבן הײַנט נישט אַפֿילו אויף דעם שטיקל לחם צר. בעלי בתּים מוזן משרתים זײַן בײַ זייערע משרתים.

און נאָך מער, מײַן האַרץ צעגייט אין מיר ווי זאַלץ אין וואַסער פֿאַר גרויס עגמת נפֿש, אַז איך מוז צוהערן און זען אַז דורך דער ביטערער געוווינהייט לײַדיק צו גיין זענען מיר אַצינד אין אַזוי אַ שלעכטן צושטאַנד, אַז גאָט ברוך הוא מעג זיך איבער אונדז אַלע דערבאַרמען. וואָרן מען געהער אויף דעת פּנים צו ליגן און צו וויינען איבער אונדזער פֿינצטערן מעמד ומצב. און אַלע מבֿינים ווייסן, אַז עס איז

* [דער] אָקס פֿאַרשטייט און קען זײַן הער, דאָס אייזל ווייסט דעם צו דאַנקען וואָס גרייט אים אָן זײַן עסן אין זלוב *[17], נאָר די ישׂראל טון מיך נישט קענען, נאָר מײַן פֿאָלק וויל מיך נישט פֿאַרשטיין.

11 במקור: געשגרון.
12 ישעיהו א, ג. 13 משמע: מסכות.
14 כאן צריך כנראה להשלים: די אויגן.
15 האם הטקסט חסר כאן?
16 האם הטקסט חסר כאן?
17 במקור: משפטות.
*17 משמע: אבוס. אצל א. האַרקאַווי (יידיש־ענגליש־העברעישער ווערטערבוך, ניו־יורק 1928) תיבה זאת מופיעה בצורת ז ש ל אָ י ב. המקור הפולני: żłob.





קיינער נישט שולדיק נאָר מיר אַליין. דאָס גרעסטע ביטערניש איז וואָס מען טאָר זיך נישט אונטערשטיין אײַך דעם אמת, די וואָרהייט, צו זאָגן אין די אויגן אַרײַן. עץ זענט נאָך אַלץ גרויס און בעלי גאוה. און תּיכּף זענט עץ געפּאָלט דעם די אויגן אויסצוקראַצן אָדער גאָר לעבעדיקערהייט צו באַגראָבן דעם וואָס האָט דעם קוראַזש [18] אײַך דיא וואָרהייט צו זאָגן. איך שטעל אָבער מײַן לעבן אײַן און קויף מיר יענע וועלט מיט דעם וואָס איך שטעל אײַך פֿיר עפֿנטלעך אַלע מעשׂות וואָס זײַנען ביז אַהער גאַנץ שטיל אָפּגעלאָפֿן און ווײַז אײַך אויס, אַז נאָר חכמות און לשונות און מלאכות קענען אַן אומה גליקלעך און רײַך מאַכן.

ד) לאָמיר ווידער צוריקשמוסן. האָב איך מיך געמוזט בײַ די זײַטן האַלטן פֿאַר לאַכן אויס די יידישע מעשׂה־ביכלעך, וואָס מען באַקט אָפּ ווי אַ בעקער אַלע טאָג פֿון אײַערט וועגן. לויטער ליגנט, אַן זינען און אָן וויץ, אָן לײַב און אָן לעבן, זייער חלשות, גרײַזיק און מבֿולבל. אין טייל לעסטערט מען גאָט דורך חירוף גידוף, אין טייל רעדט מען עזותקייט, אַז מען מעג זיי די צונג צום האַלדז און נאַקן אַרויסשלעפּן. קורץ, זיי זענען פֿול נאַרישקייטן, וואָס עס מוז גאָר איינעם נמאס ווערן דרינען צו לייענען [19].

הײַנט פֿרעג איך אײַך: ווי זאָלט עץ לערנען דרך ארץ? פֿון וואָס זאָלט עץ אײַך אַרויסנעמען מוסר? ווי קען מען האָפֿן בײַ אײַך אָנצוטרעפֿן די הייליקע מידה, וואָס מיר בילדן זיך אײַן מער פֿון אַלע פֿעלקער, אַז נאָר מיר זענען בני רחמנים, ווען מיר לייענען קיין מאָל נישט עפּעס רעכט, נאָר סאַמערידנע [20] דומהייטן, שגענען [21] און שטותים? וואָרן עץ מוזט וויסן, אַז איינער אונטערנעמט זיך פֿאַר דער וועלט עפּעס צו שרײַבן מוז ער אויף פֿינף זאַכן זייער גוט אַכטונג געבן ווען ער וויל עפּעס ווערקן דערדורך בײַ דעם וואָס לייענט זײַן שריפֿט:

ערשטנס זאָל דאָס ביכל זײַן שיין געדרוקט, אָן גרײַזן, אויף שיין פּאַפּיר און גוזע אותיות, כּדי עס זאָל טײַער קאָסטן. וואָרן פֿאַר וואָס מען גיט געלט, איז ווערט געלט. און דער וואָס לייענט דרינען זאָל קענען געשווינד אָן קלוטקעלעך דרינען לייענען.

צווייטנס מוז דאָס ביכל האָבן לײַב און לעבן, הענט און פֿיס, קאָפּ און שׂכל, אַז דער וואָס לייענט עס זאָל דערפֿון פֿאַרגעניגן האָבן.

דריטנס דאַרף עס קיינעם נישט חנפֿענען און קיינעם נישט באַליידיקן, נאָר די ריינע וואָרהייט, אַז דער וואָס לייענט עס זאָל זיך דערפֿון קענען די ראיה נעמען די אַלע שלעכטע וועגן צו פֿאַרלאָזן און צו גיין אין גוטן רעכטן וועג.

פֿערטנס, דער וואָס לייענט דאָס ביכל מוז זען ווי אַ רשע ווערט געשטראָפֿט, ווי אַ נאַר ווערט אויסגעלאַכט, ווי אַ פֿוילער מענטש אָדער אַ באַטריגער ווערן בײַ דער גאַנצער וועלט מבֿוזה און ווידער ווי דער אמת בלײַבט אייביק וואָר, דער צדיק און דער בריה ווערן בײַ דער וועלט זייער געזוכט און געשאַצט. דורך דעם קען זיך דער וואָס לייענט דאָס אַ גרויס מוסר אַרויסנעמען און איינזען ווי אמונה, גוטקייט און פֿרומקייט מאַכן אַלע מענטשן גליקלעך. און אַז פֿאַלש פֿרומקייט אָדער אַנדערע מעשׂים רעים [זענען] פֿאַר אַלע מענטשן זייער געפֿערלעך אין דער גאַנצער וועלט.

פֿינפֿטנס מוז דאָס ביכל אַזוי געשריבן זײַן, אַז דער וואָס לייענט דרינען זאָל זיך אונטערהאַלטן בשעת ער לייענט און גרויס תּענוג דערפֿון האָבן. און אַפֿילו מענטשן וואָס זענען גאָרנישט געלערנט און קענען אַליין נישט לייענען זאָלן נאָר פֿון דעם צוהערן אַליין גרויס נחת האָבן.

דאָס אַלדינג האָט מען ביז אַהער גאָרנישט אין זין געהאַט. איך האָב אָבער געוויזן דעם עולם נײַעס, אַז זיי וועלן לאַכן, נחת האָבן און לויטער וואָרהייטן הערן און זיך מיט השם יתבּרך'ס הילף אוודאי בעסערן.

18 במקור: קאָראַז.
19 בענין ה"מעשׂה־ביכלעך" ראה למעלה בעמ' 805.
20 במקור: סאַמערודנע. 21 במקור: שגענון.

אונטער פֿיל טויזנט מענטשן עס זאָל נאָר איינער פֿון מײַן שרײַבן פֿאַרגעניגן האָבן, ווינטש איך מיר מער נישט און איך בין שוין גענוג באַלוינט.

ווײַטער, זײַטס געזונט, פֿון מיר אײַער פֿרײַנטלעכע און געטרײַע שוועסטער, מיר זאָלן זיך זוכה זײַן גיך און באַלד צו זען במהרה, אַז דער גואל וועט קומען, כן יהי רצון.

מיך אָבער גאַנץ צו פֿאַרענטפֿערן, מוז איך נאָך ענדיקן מיט די דרײַ שפּרעכווערטלעך [22] ·
ווער עס פֿילט זיך, דער מיינט זיך [23].
וועמען עס בײַסט, דער זאָל זיך קראַצן.
אַז מען עסט [נישט] קיין קנאָבל, שטינקט מען נישט [24].

### ב) הסיום של המחזה

(עמ׳ 61־64 של נוסח 1865)

**נײַנטער אויפֿטריט**

שרײַבער, בחורל, יתומה (קומען אַן)

בחורל. זעטס נאָר רבותים־לעבן, וואָס אונדזער פֿרומער רבי טוט!

שרײַבער (שרײַט). שווײַגטס, ער האָט שוין אוודאי תשובֿה געטון; [עץ] [27] ווייסט נישט, די גמרא זאָגט: ראית תלמיד חכם שעבר עבירה ביום אל תהרהר אחריו בלילה [28].

אורי (לאַכט שרעקלעך). ווי געפֿעלט אײַך דער פּזמון פֿון קרעמעניץ? [29] (גיט אָפּ דאָס ספֿר) דאָס האָט ער מיר פֿאַר אַ משכּון געגעבן.

בחורל. אַרויס! וואָרן... [30]

אורי (שטייט קוים פֿאַר לאַכן, וואַרפֿט דאָס קלייד אַראָפּ און די פּאַטשיילע, און בלייבט שטיין ווי אורי). האָב איך אים עפּעס גוט אָפּגעשטיפֿט [31], האַ?

(אַלע לאַכן שטאַרק)

אורי. איך האָב מיר נאָך לאַנג גערעכט אַז עמיצער זאָל אָנקומען. און פֿרעגטס נישט, איך האָב אים אויף טערקיש אָפּגעשטיפֿט [32]. (לאַכט אים אין פּנים אַרײַן און לויפֿט אַרויס.)

---

22 השווה את הפיסקה המסימת של ההקדמה ב־1863, עמ׳ 52, שם מופיעים אותם הפתגמים.

23 איגנאַץ בערנשטיין, יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען, וואַרשוי תרס״ח (להלן בקיצור: בערנשטיין עם ציון המספר), מס׳ 2902.

24 ישראל פורמאַן, יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, תל־אביב 1968 (להלן בקיצור: פורמאַן עם ציון המספר), מס׳ 1509. 25־26 הועברו.

27 ההשלמה על פי ווינר, עמ׳ 102, שורה 23.

28 ראה ברכות יט, ע״א והנוסח שם.

29 ביטוי אידיומטי. וראה הערתו של ווינר בעמ׳ 128. וראה גם ׳אַ פּאַטשט פֿון ראָש־חודש קרעמעניץ׳ וכן ׳אַ פּוץ פֿון ראָש־חודש קרעמעניץ׳, מס׳ 903, 904 וההסבר בתוך: נ. פּרילוצקי און שמואל לעהמאַן, ׳ייִדישע שפּריכווערטער, גלײַכווערטלעך, רעדנסאַרטן און צונעמענישן וועגן לענדער, געגענטן, שטעט און שטעטלעך׳, נח פּרילוצקי׳ס זאַמעלביכער פֿאַר ייִדישן פֿאָלקלאָר, פֿילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע, 1, וואַרשע 1912, עמ׳ 66. וראה עתה: דב סדן, ׳לשמו שם קודש׳, מנחה לקודש, ירושלים תשל״ט, עמ׳ 72, המביא הסבר לשימושים האידיומטיים הכוללים את התיבה ״קרעמעניץ״.

30 עד כאן זהה הנ[illegible] של הסצינה התשיעית בשתי ההדפסות של המחזה.

31 במקור: אָב גו[illegible]ט.


דיא גענארטע וועלט

אודר

שווערר מען נעמט זיך פיר • גרינגר
העלפט גאט

אשפאניל נייע וויגדרליכי ניטשעבע אוף פורים. וואס
האט זיך פרלאפין אין טיך מאסקוויטר לאנד

צום [illegible] ערהאלט פר אלערליא מענטשין
[illegible] לערנטי אין אוך אומגילערנטע

LEMBERG

gedruckt Bei A. J. Madfes 1865